# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

394 | פרשת ראה | תשפ"א

## פניני אמונים – פערל ווערטער אויף אמן און דאווענען אין די פרשה

### די געפיל פון 'אנכי' פעלט אויס צום דאווענען

"רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה" (יא כו)

זאגט דער 'מאור ושמש':

די אינערליכע געפיל אז איך בין עפעס ווערד און זיך גרויס האלטן, וואס די ווארט 'אנכי' סימבאלעזירט קען ברענגען אויף א מענטש סיי 'ברכה' און סיי 'קללה', און עס ווענדט זיך אין זיין כוונה פארוואס האט ער די געפיל; אויב האלט ער זיך גרויס מיט עפעס א מצוה וואס ער האט מקיים געווען אדער מיט א רוחניות'דיגע מעלה וואס ער האט זיך אויסגעארבעט - איז עס א קללה פאר אים, ווייל דאס מאכט א 'וואנט' וואס טיילט אפ צווישן אים און אייבערשטן. אזוי ווי דער הייליגער זלאטשובער מגיד טייטש דעם פסוק (דברים ה ה): "אָנֹכִי עֹמֵד בֵּין ה' וּבֵינֵיכֶם" - די געפיל פון 'אנכי' שטייט און טיילט אפ צווישן ה' און אייך.

פון די צווייטע זייט, ווען דער מענטש באנוצט זיך מיט די געפיל פון 'אנכי' אקעגן דעם יצר, צ.ב.ש. ווען ער שטעלט זיך דאווענען קומט אים אקעגן דער יצר און טענה'עט: דו ביזסט דאך א טמא'נער און דערווייטערט פון השי"ת וויאזוי וואגסטו זיך צוגיין דאווענען און זיך מדבק זיין אין אים, דעמאלטס אדרבה, דארף ער זיך האלטן חשוב, און דאס וועט אים ברענגען א ברכה, ווייל דאס וועט אים צוברענגען ער זאל האלטן טייער די ענין פון תפילה און אים דעם אינוועסטירן זיין הארץ און מח.

'מאור ושמש'

### 'זען' די אמונה אין שכר ועונש

"רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה" (יא כו)

אסאך וואונדערן זיך אויף דעם וואס דער פסוק הייבט אן מיט א לשון "ראה"; קען מען דען זען מיט די אויגן די שכר וואס מ'באקומט אויף מקיים זיין די מצוות, און פון די צווייטע זייט דער שטראף פון דער וואס איז נישט מקיים?

זאגט דער ראב"ד רבי משה שטערנבוך:

די אמונה אין שכר ועונש איז איינס פון די י"ג יסודות אמונה וואס דער רמב"ם האט אוועקגעשטעלט, און אזוי ווי מיר זאגן אין די סדר 'אני מאמין': "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ גּוֹמֵל טוֹב לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו וּמַעֲנִישׁ לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו".

וויסן פון שכר און עונש איז א וויכטיגער יסוד אין אמונה, ווייל דורך דעם קען דער מענטש זיך דערנענטערן צו זיין באשעפער און זיך פארמיידן פון זינד ('מסילת ישרים' פ"ד). דעריבער באציהט זיך די תורה מיט דעם לשון: "ראה", ד.מ. זאגן, די אמונה אין שכר און עונש דארף זיין אזוי קלאר און באפעסטיגט אין אייערע הערצער ווי איר וואלטן עס געזען מיט אייערע אויגן.

'ביאורים והערות'

### עס איז ראוי צו שווערן וועגן די מצוה פון 'אמן'

"וְהָיָה הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר... שָׁמָּה תָבִיאוּ... וְכֹל מִבְחַר נִדְרֵיכֶם אֲשֶׁר תִּדְּרוּ לַה'" (יב יא)

די חכמים (נדרים ח א) זאגן, כאטש דער מענטש דארף געווענליך זיך אפהאלטן פון צו שווערן, דאך כדי זיך צואיילן צו א מצוה איז יא ראוי צו שווערן. ווייל מיר טרעפן אז אזוי האט געטון דוד המלך עליו השלום, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קיט ו): "נשבעתי ואקימה לשמר משפטי צדקך" (ר"ן שם ד"ה אלא).

די ווערטער: 'מבחר נדריכם אשר' זענען ראשי תיבות 'אמן'. און מ'קען זאגן אז די כוונה פון די תורה איז אונז צו לערנען אז די אויסדערוועלטע שבועה אויף צו מקיים זיין א מצוה איז ווען עס ווערט געטון וועגן מחזק זיין דעם ענין פון ענטפערן אמן, אזוי ווי די חכמים זאגן (דב"ר ז א): "אין גדול לפני הקדוש ברוך הוא יותר מאמן שישראל עונין". ווי באקאנט איז 'אמן' גימטריה די צוויי שמות הקודש [הוי"ה און אדנ"י], און אויף דעם איז מרמז דער המשך הפסוק: מִבְחַר נִדְרֵיכֶם אֲשֶׁר - תִּדְּרוּ לַה'"

קובץ 'עטרת אברהם' עמ' קפג, אין נאמען פון רבי יוסף שטייכעל פון די וויליאמסבורגער רבנים

### די השראת השכינה איז געוואנדן אין אונזער קביעות

"כִּי אִם אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֵיכֶם מִכָּל שִׁבְטֵיכֶם לָשׂוּם אֶת שְׁמוֹ שָׁם לְשִׁכְנוֹ תִדְרְשׁוּ וּבָאתָ שָׁמָּה" (יב ה)

רבי משה דוד וואלי א תלמיד פון רמח"ל זאגט:

די השראת השכינה אין די שולן, וואס זיי זענען "הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה'... לָשׂוּם אֶת שְׁמוֹ שָׁם", איז געוואנדן ווי ווייט מ'איז מקפיד צו קומען אהין בקביעות צום דאווענען און עבודת ה'. און אויב חלילה דער ציבור קומט נישט בקביעות אין שול, דעמאלטס ווערט אויף זיי נתעורר אין הימל א צארן, אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות ו ב): "בשעה שהקדוש ברוך הוא בא בבית הכנסת ולא מצא בה עשרה - מיד הוא כועס, שנאמר (ישעיהו נ ב): 'מדוע באתי ואין איש קראתי ואין עונה'", און וועגן דעם רוהט אויך די שכינה אויף זיי נאר פראוויזאריש און צייטווייליג.

דאס איז מרמז אונזער פסוק: "לְשִׁכְנוֹ " - כדי די השראת השכינה זאל זיין בקביעות אין די שולן, איז עס אנגעהאנגען אין "תִדְרְשׁוּ וּבָאתָ שָׁמָּה", ד.מ. אין דעם וואס איר וועט קומען יעדן טאג אין די שולן אים צו דינען.

רמ"ד וואלי

### צוויי הלכות וואס מ'לערנט ארויס פון די פסוקים

"הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן תַּעֲלֶה עֹלֹתֶיךָ בְּכָל מָקוֹם אֲשֶׁר תִּרְאֶה; כִּי אִם בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה'... שָׁם תַּעֲלֶה עֹלֹתֶיךָ" (יב יג-יד)

די פסוקים וואס קומען אונז לערנען וואו איז די פאסיגסטע פלאץ מקריב זיין די קרבנות, זענען מרמז אויף צוויי הלכות אין הל' תפילה וואס זענען אנשטאט די קרבנות.

דער פסוק: "הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן תַּעֲלֶה עֹלֹתֶיךָ בְּכָל מָקוֹם אֲשֶׁר תִּרְאֶה" איז א רמז אויף די הלכה אז דער מענטש טאר נישט ארום קוקן בשעת'ן דאווענען שמו"ע, נאר ער דארף קאנצענטרירן זיינע אויגן בשעת'ן דאווענען שמו"ע אין די סידור אדער האלטן פארמאכט א גאנצע צייט (זעה אין 'משנה ברורה' צה ה). און דער פסוק: "כִּי אִם בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה'..." איז א רמז אז דער מתפלל דארף זיך אוועקשטעלן און אינזין האבן אקעגן דעם בית קודש הקדשים (זעה אין שו"ע או"ח צד א).

'דרושים ולקחי מוסר' פון א תלמיד פון רבי מרדכי בנעט

שֶׁתְּחַדֵּשׁ עָלֵינוּ אֶת הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. אָמֵן.

אלו"ל
לברכה ולא לקללה אמן
לחיים ולא למות אמן
לשובע ולא לרזון אמן
('מגן אברהם' [פון טריסקער מגיד] פרשת וזאת הברכה)

**טייערער איד!**

אין דעם חודש הרחמים והסליחות אין בעפארבריטונג צום יום הדין, ווען מיר אלע גרייטן זיך מיט א תפילה מיר זאלן זוכה זיין פארשריבן ווערן אין ספר החיים, איז זיכער פאסיג מיר זאלן מקפיד זיין פארמערן צו ענטפערן אמן וואס איר סגולה איז געוואלדיג גרויס צו מעורר זיין רחמים און אראפברענגען א שפע ברכה פון הימל.

**ווען דו קומסט פריה אין שול יעדן אינדערפריה צו זאגן די ברכות השחר בחברותא, וועסטו זוכה זיין צו נאך אסאך אמן'ס וואס וועלן שטיין צו דיין זכות ביים יום הדין.**

מַרְבֶּה אָמֵן - מַרְבֶּה יְשׁוּעָה.

# אוצרות אמונים

אוצרות איבער די מעלה
פון ענטפערן אמן

## 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'
### א סעריע ערקלערונגען (ג)

**עס איז באקאנט דער מאמר חז"ל (ברכות נג ב): "רבי יוסי אומר: 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'. און אסאך וואונדערן זיך: לכאורה דער מברך איז דאך דער וואס הייבט אן די מצוה, און אן אים איז נישטא קיין ברכה און נישט קיין אמן. אויב אזוי' פארוואס זאגט רבי יוסי אז די מעלה פון דער וואס ענטפערט אמן איז מער פון דער מברך?**

**אין די פריערדיגע בלעטל'עך האבן מיר געברענגט ניין וואונדערליכע ערקלערונגען פון אונזערע רבי'ס די מאורי הדורות, יעצט וועלן מיר פארזעצן און ברענגען נאך ערקלערונגען, ווען יעדער ערקלערט לויט זיין וועג, וואס פאר א מעלה האט די 'אמן' וואס צוליב דעם איז עס חשוב'ער פון די ברכה.**

### י. אמן - גערעכט געבן פאר די ברכה

רבי משה בן רבי יקר אשכנזי ערקלערט עס מיט א משל: איינער וואס מ'האט אויף אים ארויף געלייגט א אויפגאבע איבערצוגעבן א געוויסע דערהער פאר די פארזאמלטע, קען זיך זארגן און טראכטן צי זיינע ווערטער וועט אנגענומען ווערן צווישן די צוהערהער, ווייל אפילו אויב נאר איינער וועט קווענקלען אין זיינע ווערטער, קען דאס צוברענגען אז די צוהערהער וועלן עס אינגאנצן נישט אננעמען. פון די צווייטע זייט, אויב איינער פון די צוהערהער וועט גערעכט געבן פאר די ווערטער וואס ער האט געזאגט און זיי באשטעטיגן אקעגן אלעמען, וועט ער גורם זיין אז די ווערטער וועלן אנגענומען ווערן צווישן די צוהערהער אן קיין צווייפל. קומט אויס אז דאס אננעמען העלפט די ווערטער זאל אנגענומען ווערן, מער פון דאס זאגן אליין.

דורך די ברכה וויל דער מברך צו וויסן טון אז עס דא א מנהיג לבירה וואס האט אלעס באשאפן און אים דארף מען לויבן, אבער דאס צי זיינע ווערטער וועלן אנגענומען ווערן אין די הערצער פון די צוהערהער, דאס איז אנגעהאנגען אין דעם וואס זיי וועלן גערעכט געבן פארן מברך דורכ'ן ענטפערן אמן, און וועגן דעם איז דער מעלה פון ענטפערן אמן מער גרעסער פונעם מברך.

א רמז אויף די מעלה פון ענטפערן אמן ברענגט רבי משה פון דעם וואס ביי די תפילה 'יהי כבוד' האבן די מסדרי התפילה צוגעשטעלט דעם פסוק: "יְהִי כְבוֹד ה' לְעוֹלָם יִשְׂמַח ה' בְּמַעֲשָׂיו" (תהלים קד לא), נעבן דער פסוק: "יְהִי שֵׁם ה' מְבֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם" (שם קיג ב), אונז צו לערנען אז ווען איז "יִשְׂמַח ה' בְּמַעֲשָׂיו"? ווען: "יְהִי שֵׁם ה' מְבֹרָךְ..." - ווען די צוהערהער וועלן באשטעטיגן די ברכה, דורכ'ן ענטפערן 'אמן' נאכדעם.

וואו קענען מיר זען דעם אויבנדערמאנטן יסוד, אז כאטש 'אמן' איז נאר א קליינע ווארט אקעגן די לאנגע דברי שבח והודאה וואס דער מברך זאגט, פון דעסוועגן איז איר חשיבות מער פון די ברכה, דאס קענען מיר זיך לערנען פון א קלארע און אפענע זאך, ווען א מענטש קומט עפעס קאכן, כאטש ער וועט זיך זייער פלאגן ביים קאכן און וועט זיך באנוצן עס צו צוגרייטן מיט די בעסטע מאטעריאל, וועט די געקעכץ נישט זיין באַ'טעמ'ט אויב מ'וועט עס דערלאנגען אן קיין זאלץ. מיטן צולייגן אביסל זאלץ וועט די געקעכץ ווערן געשמאק. אזוי ווי צולייגן אביסל זאלץ מאכט געשמאק דעם גאנצן געקעכץ וואס איז אנגעגרייט געווארן פון די בעסטע צוגעהערן, און עס איז אין דעם ארייגעלייגט געווארן אסאך שעה'ן עס צוצוגרייטן, אזוי אויך ענטפערן אמן איז משלים און איז מחשיב די לאנגע ברכה, כאטש עס איז נאר איין ווארט אליין ('פתח עינים' [קושטא שי"א] עמ' ז).

### יא. אמן - א אייביגע אמונה

דער מהר"ל זאגט דער הסבר: דער מברך איז מעיד אויף געוויסע פעולות אין די בריאה אז זיי זענען געטון געווארן דורך ה' יתברך, אבער עס ליגט נישט אין דעם א עדות אז ה' איז דער כל יכול. דאקעגן דער וואס ענטפערט אמן רופט אויס זיין אמונה אין ה' יתברך אז ער איז דער כל יכול, און ער טוט אלעס אויף דער וועלט ('נתיבות עולם' יסוד העבודה פרק יא).

### יב. אמן - לברכה ולא לקללה

דער רמח"ל האט ערקלערט: ריכטיג טאקע אז דער מברך איז דער מתחיל במצוה און ער ברענגט אראפ גרויסע השפעות דורך זיין ברכה. אבער אמאל קען זיך טרעפן אז די כוחות הטומאה קענען זיך אנכאפן אין אט די השפעות, און דעמאלטס נישט נאר אז דער מברך ברענגט נישט קיין נוצן דורך זיין ברכה, נאר פארקערט עס קומט ארויס פון דעם א קלקול. דורכ'ן ענטפערן אמן היט ער אפ די אור פון די ברכה און טוט איר ראטעווען עס זאל נישט ארייינפאלן אין די כוחות הטומאה, און דעריבער איז זיין מעלה מער פון די מעלה פון דער מברך ('מגילת סתרים' האזינו).

### יג. אמן - איז משלים די נפש פארן מלאך

דער רבי ר' זושא פון האניפאלי ערקלערט: כאטש וואס די מלאכים זענען רוחניות'דיגע באשעפענישן, האבן זיי א קערפער און א זעהל, נאר אנדערשט פון א מענטש וואס איז צוזאמגעשטעלט פון גשמיות'דיגע יסודות, און נאר זיין זעהל איז א שטיק רוחני', איז דער קערפער פון די מלאכים אויך באשאפן געווארן פון רוחניות (ראה ספרי האזינו פיסקא שו). לויט דעם קען מען ערקלערן דער אונטערשייד צווישן דער מברך צו דער וואס ענטפערט אמן: דער מברך טוט באשאפן דורך זיין ברכה נאר דער קערפער פונעם מלאך, אבער דורך ענטפערן אמן ווערט באשאפן די נפש פון מלאך וואס געבט אים אריין חיות, דעריבער "גדול העונה אמן יותר מן המברך" ('בוצינא קדישא' אות לא).

### יד. אמן - אמונה אין ביאת המשיח

די חכמים זאגן (שבת קיט ב) אז די דריי אותיות פון די ווארט 'אמן' זענען מרמז אויף דריי ווערטער: "א-ל מלך נאמן", רש"י ערקלערט (שם ד"ה א-ל), דער וואס ענטפערט אמן איז "מעיד על בוראו, שהוא א-ל מלך נאמן". תוספות (שם ד"ה א"ר) נעמט ארויס פון אט די ווערטער אז ווען מ'ענטפערט אמן דארף מען טראכטן פון די דריי ווערטער.

מיט דעם טייטש דער 'בת עין': גערעכט אז קבלת עול מלכות שמים און אויסרופן אז הקדוש ברוך הוא איז 'א-ל' און 'מלך', קען מען דערהערן פון די ווערטער פונעם מברך [א-לוקינו מלך העולם]. אבער אז הקב"ה איז 'נאמן' מקיים צו זיין די הבטחה און שיקן דעם מלך המשיח אונז אויסלייזן, איז נאר דא אין די ווערטער פון דער וואס זאגט 'אמן' און וועגן דעם איז ער גרעסער פון דער מברך ('בת עין' ויקהל).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די קבלה וואס האט מעלה געווען די תפילה

דער פאלגנדער ערציילונג, וואס האט אין זיך דער כח צו געבן דעם ריכטיגן בליק איבער דעם געוואלדיגן כח פון תפילה ווען עס ווערט געזאגט מיט די ריכטיגע כוונה און מיט די פאסיגע כבוד, אזוי ווי די חכמים (ברכות ח א) האבן שטארק ארום גערעדט איבער די סגולה פון 'השכמת בית המדרש' אלס א סגולה אויף אריכות ימים און א געזונט גליקליך לעבן, האט פאסירט פאר עטליכע יאר אין א חשובע קהילה אין איינס פון די שטעט אין ארץ הקודש.

אין א געוויסע טאג האבן די בני הקהילה זיך דערוואוסט די נישט גוטע נייעס אז איינער פון די גאר חשובע יונגעלייט פון די קהילה מיטגלידער איז קראנק אויף א שווערע קראנקייט. ליידער האט מען זיך דערוואוסט פון די קראנקייט שוין אין א שפעטע שטאפל און לויט די ווערטער פון די דאקטורים איז זיין געזונט-צושטאנד זייער שווער און איז שטארק אנגעוויזן אויף רחמי שמים.

די נייעס וואס האט זיך שנעל פארשפרייט ווי א פייער אין א דערנער-פעלד צווישן די בני הקהילה האט אלעמען שאקירט, דער ערליכער יונגערמאן און בעל חסד איז ביי אלעמען באליבט געווען און זיין פריוואטע צרה איז געווארן א 'צרת רבים', פשוטו כמשמעו.

עטליכע טעג שפעטער האבן די בני הקהילה זיך צוזאמגענומען אויף א וויכטיגע צוזאמקום, וואס איז געווען געווידמעט צו טראכטן צוזאמען וויאזוי קען יעדער פון די קהילה זיך אנשליסן און העלפן דעם ליידנדער גוטער פריינד און זיין פאמיליע, וואס אין פון איין מינוט צו די צווייטע איז זייער וועלט חרוב געווארן. עטליכע טויגליכע יונגעלייט האבן זיך אונטערגענומען צו העלפן די פאמיליע, מיט עסן און אנדערע טעכנישע הילף. איין יונגערמאן האט אנגעטראגן אויסנוצן זיינע פארבינדונגען מיט די געניטע דאקטורים. די וואס פארמאגן מאשינען פון צווישן די פארזאמלטע האבן זיך אנגעטראגן צו פירן דעם קראנקן און זיין פאמיליע אין שפיטאל ווען עס וועט אויספעלן. און אלע האבן זיך אנגעשלאסן כאיש אחד בלב אחד צוזאמען מיט זייערע פאמיליעס צו דאווענען און זאגן קאפיטלעך תהילים אויף די רפואה פונעם קראנקן.

אבער נאך אלעס איז פאר אלעמען געווען קלאר אז עס פעלט אויך טון עפעס א ערנסטע רוחניות'דיגע אקט. פאר אלעמען איז געווען זיכער אז די צרה איז צו זיי געשיקט געווארן מן השמים מיט א ציל זיי צו ערוועקן אויף חיזוק און תיקון המעשים, און וועגן דעם האבן אלע פרובירט טראכטן אין וואס פאר א זאך אין זייער קהילה פעלט אויס חיזוק, וואו אלע וועלן זיך קענען מתחזק זיין, כאיש אחד בלב אחד. ביי די ענדע פון די אסיפה זענען ארויפגעברענגט געווארן עטליכע געדאנקען וואס זענען פארשריבן געווארן דורך די געטרייע גבאים.

די אסיפה האט זיך גענדיגט אן צו אננעמען געוויסע החלטות. די פארזאמלטע האבן באשלאסן זיך צו באראטן מיט איינעם פון די גדולי הדור וואס זאל זיי זאגן וואס איז די חשוב'סטע גוטע קבלה וואס אין דעם דארפן זיי זיך מחזק זיין אין אזא שווערע צייט.

איינער פון די יונגעלייט האט זיך באוויליגט ארויפגיין מיט די פראגע צו איינער פון די גדולי הדור, וואס נאכן גוט איבערטראכטן האט ער באשלאסן אויף איינע פון די מערקבארע פארשלאגן וואס עטליכע יונגעלייט פון די קהילה האבן פארגעשלאגן, און דאס איז: קומען אין צייט צום דאווענען, זיין אין שול פון אנהייב דאווענען ביז צום ענדע, און נישט רעדן אין לויף פון דאווענען קיין שום דברי חולין.

דער רב האט מיט א ברען געזאגט פארן שואל מ'זאל זען מעורר זיין אלע חברי הקהילה זיך צו מתחזק זיין אין דעם ענין. און האט אויך געשריבן א ספעציעלע בריוו פאר די בני הקהילה, וואו אין דעם טוט ער זיי שטארק בעטן זיי זאלן זיך מתחזק זיין אין דעם ענין, אנוואונטשנדיג א רפואה שלימה פארן קראנקן אין זכות פון די גוטע קבלה וואס אלע האבן זיך אונטערגענומען.

דער רב האט אויך אויסגעשמועסט און מאריך געווען אין די חשיבות פון דער ענין. "אויסער די עצם חשיבות פון קומען פריה צום דאווענען, וואס האלט אפ פונעם ציבור די צארן וואס הערשט אין הימל אויף די קהילה חלילה, וועט דאס אויך צוברענגען ענק זאלן דאווענען פון טיפן הארץ אויף די רפואה פון ענקער חבר, און כדי ענקערע תפילות זאל אנגענומען ווערן לרצון לפני ה' דארפן מיר ווייזן אז מיר האלטן עס טייער און באליבט, און זיכער אז חלילה טוט מען נישט גרינגשעצן אין דעם.

דער וואס געבט אכטונג צוקומען אין צייט צום דאווענען און נישט ארויסגיין פון שול ביזן ענדע דאווענען, ווייזט מיט דעם אז די תפילה איז חשוב אין זיינע אויגן, און ווייל עס איז חשוב אין זיינע אויגן, וועט עס הקב"ה אויך מחשיב זיין און אננעמען ברצון".

די ווערטער פונעם רב זענען געווען זייער אויפן פלאץ, ווייל די טעמע פון קומען פריה צום דאווענען האט אויסגעפעלט א געוואלדיגע חיזוק גדול אויך אן די ווייטאגליכע געשעעניש וואס האט באטראפן די קהילה. פאר אסאך פון זיי האט שוין א לאנגע צייט ווי' געטון אז יעדן אינדערפריה, ווען עס קומט אן די צייט פון דאווענען איז נישטא א מנין אין שול. א גרויסער טייל פון די מתפללים פלעגן קומען צווישן ברוך-שאמר און ישתבח, לייגן שנעל תפילין און אפגעכאפטערהייט האבן זיי משלים געווען די פסוקי' דזמרה אדער עס אריבער געהיפערט. וועגן דעם פלעגט דער חזן זיך אפהאלטן פון צוגיין צום עמוד ביז ישתבח, און אויסער דעם איז ער אויך געצווינגען געווען צו ווארטן פאר שמונה עשרה עס זאל זיין א מנין וואס הייבן צוזאמען אן דאס דאווענען. ווייל מ'האט שפעט אנגעהויבן דאווענען, האט מען אויך שפעט געענדיגט, וואס דאס האט צוגעברענגט נישט איינמאל אז עטליכע פון די מתפללים וואס האבן זיך געיאגט צו זייערע וויכטיגע זאכן האבן געמוזט ארויסגיין פון שול פארן ענדיגן דאס דאווענען. דאס איז געווען אויסער דעם וואס עטליכע פון די בני הקהילה האבן אנגעהויבן דאווענען אין אנדערע פלעצער ווי דארט האט מען געדאווענט אויף א נארמאלן שטייגער.

די חיזוק-בריוו פונעם רב מיט זיינע פלאם-פייערדיגע ווערטער זענען זייער שנעל צושפרייט געווארן צווישן אלע קהילה מיטגלידער. הערנדיג די קלארע ווערטער האבן זיך אלע אונטערגענומען פון דער טאג און ווייטער צוקומען צייטליך צום דאווענען און שוין זיין אין שול בשעת'ן זאגן די ברכות השחר. איינער פון די מתפללים האט זיך אנגעטראגן צוצוגיין צום עמוד יעדן אינדערפריה פון די ברכות השחר ביז צו ישתבח, כדי דאס דאווענען זאל באקומען איר ריכטיגן אויסזעהן.

די קבלה האט פאר אלעמען געגעבן א ספעציעלע געפיל פון מיטפילן א צווייטן. די חברים האבן געפילט אז מיט דעם האבן זיי געטון א גרויסע טריט לטובת זייער חבר וואס ליידט, און זיי זענען פארזיכערט געווען אז פון הימל וועט מען זיי העלפן און הקדוש ברוך הוא וועט אננעמען זייערע תפילות און אים שיקן א רפואה שלמה בתוך שאר חולי ישראל.

אויף צומארגנ'ס האט זיך שוין אנגעזען די געוואלדיגע חיזוק. באלד ביים אנהייב דאווענען איז די שול פול געווען פון איין עק ביז צו די צווייטע. אויך די וואס ביז יעצט האבן ענדערשט געדאוונט אין אנדערע שולן, האבן אנגענומען די קבלה, און צוריק געקומען דאווענען אין די שול.

די דאווענען וואס האט זיך אנגעהויבן צייטליך, האט זיך געפירט מיט א שיינע סיסטעם און אויך געענדיגט אין די באשטימטע צייט, ווען באלד נאכדעם האט מען געזאגט צוויי קאפיטלעך תהילים וועגן די רפואה פון דעם קראנקן. אלע מתפללים האבן געפילט דעם געוואלדיגן אונטערשייד צווישן די היינטיגע דאווענען צו די תפילות וואס מ'האט געדאוונט אין שול ביז יעצט און האבן געפילט אז די ישועה איז נאנט.

אויך אין די קומענדיגע טעג האט פארגעזעצט די חיזוק ביתר שאת וביתר עוז. פאר די מתפללים האט אויסגעזען אז עס רעדט זיך פון א נייע אומבאקאנטע שול.

און זעט די וואונדער, אין די זעלבע צייט האט מען אנגעהויבן צו הערן בשורות טובות פונעם קראנקן. אנשטאט ביז יעצט וואס די מצב האט זיך פארערגערט א גאנצע צייט, האט זיך יעצט סטאביליזירט. די שווערע באהאנדלונגען וואס האבן ביז יעצט אויסגעזען אז זיי האבן נאר פארערגערט דאס ליידן פונעם קראנקן, האבן יעצט אין די געווענליכע בדיקות אנגעהויבן ווייזן א פארבעסערונג.

ארום א חודש נאכן אנהייבן די קבלה האט שוין דער קראנקער געקענט שמייכלען, ווען דער דאקטער האט אים דערציילט די גוטע נייעס אז אויף א וואונדערליכן וועג האט זיך אנגעהויבן א ערנסטער ענדערונג לטובה און די געוואוקס איז פארקלענערט געווארן און איינגעגאנגען. עטליכע חדשים נאכדעם איז דער קראנקער שוין ארום געגאנגען ווי יעדער מענטש, געזונט און פריש. ווען ער שטעלט זיך צו צו די קייט פון די וואס זענען זיך מחזק געווען אין תפילה.

'מה' יצא הדבר' עמ' 510

עיצובים shay